בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

## פרשת תרומה




## א אידישע שטוב איז א משכן

### צענדליגער מער פסוקים פאר'ן משכן ווי פאר בריאת העולם

**וידבר השם אל משה לאמר: דבר אל בני ישראל ויקחו לי תרומה,** השי"ת האט געזאגט פאר משה זאל רעדן צו די אידישע קינדער, איר זאלט נעמען פאר מיר אן אפשיידונג...

יעצט הייבט זיך אן דער געבוי פונעם משכן וואס נעמט אויף **פיל** פסוקים אין די תורה. עס איז צום שטוינען ווי אזוי מעשי בראשית די ארבעט פון די וועלט באשאפונג נעמט אויף נאר 31 פסוקים אין די תורה, אין ביי די אויפבוי פונעם משכן זענען דא פיל מער פרשיות. מיר זעען א גרויסע שיינע וועלט, מיט טריליאנען שטערנס און נאך, און די גאנצע ערד וואס מיר וואוינען, איז א ריזיג צאמשטעל פונעם וועלט באשאפונג. עס זעט אויס אזוי איבערגענומען און וויכטיג! אבער די תורה נוצט בלויז 31 פסוקים דערויף. דאס אלעס! אבער דער משכן, דאס הויז פונעם איבערשטער אינצווישן כלל ישראל, דאס איז שוין אן אנדערע מעשה. איין פרשה, נאך א פרשה, פסוקים, פסוקים און נאך פרשיות. תרומה, תצוה, שטיקלעך פון כי תשא, ויקהל, פקודי, יעדעס יאר ווען מיר ליינען די אינהאלט פונעם משכן איז צום שטוינען וויפיל פלאץ מ'האט אוועקגעגעבן דערפאר. דאס בויען א הויז אויף צייטווייליג, א בנין וואס וועט אנהאלטן בלויז 40 יאר, איז די גרעסטע נושא אין די תורה.

עס איז שווער פאר אונז צו פארשטיין פארוואס אזא דורכגאנג נעמט אויף אזויפיל אנערקענונג? ממילא הלכות, דינים פון די תורה, וואס מיר דארפן טון יעדן טאג, פאר אייביג, וואלטן מיר פארשטאנען, אדער די ווענן ווי אזוי אונזערע עלטערן האבן זיך געפירט, איז אויך צום פארשטיין, אבער א צייטווייליגע אויפבוי? וואס פעלט דאס אויס? עס שטייט אזוי באריכות פונקטליך ווי אזוי, יעדע איינצלהייט, נאכאמאל און נאכאמאל ווי אזוי זיי האבן זיך אוועקגעגעבן פאר'ן משכן, אלעס נאר אויף עפעס וואס האט נישט אנגעהאלטן. וואס וויל מען אונז דא לאזן וויסן?

וועלן מיר דאס געבן צו פארשטיין ווי פאלגנד: השי"ת וויל אונז ווייזן קלאר אז די אלע באשאפונגען פון די גרויסע וועלט, און פון די אינדרויסנדיגע וועלט, איז נאך ווייניגער ווי די געבוי פונעם קליינעם הויז וואס איז געבויט געווארן אינעם מדבר. ס'איז א הערליכע געדאנק, עס איז מפרסם די אויסדערוועלטקייט פון די אידישע קינדער. מיר זענען דאס וויכטיגסטע ביי הקב"ה! ער טראכט נאר פון אונז שטענדיג.

**ושכנתי בתוכם** - "איך וועל רוען צווישן זיי". מיר בויען א הויז אין ער מאכט זיין וואוינונג צווישען אונז דאס איז א וווּנדערליכע באפעל וואס איז העכער אונזער שכל, דער באשעפער וואוינט דען אין א הויז? דער באשעפער איז דאך אין סוף, אן קיין גרעניץ, און נישט קיין פיזישע זאך, זיין אמת'דיגע מציאות שטייגט דאך איבער יעדע אויסגערעכענטע פלאץ, יעדע הויז , אפילו די גרעסטע פאלאץ איז גארנישט פאר'ן הייליגן באשעפער. וועגן דעם מיז זיין, אז דאס מיינט אז דאס אידישע פאלק איז די עיקר סיבה פון די גאנצע וועלט, און דעם באשעפער'ס ערשיינונג אינמיטן פון די אידן איז אן אויסטערלישע דערקלערונג דורך דעם וואס האט באשאפען דעם גאנצען ערד קוגעל, אז דער קלייינער פאלק איז די צענטער פון זיין מחשבה, די עיקר סיבה פארוואס דער באשעפער האט געוואוינט צווישן אונז, אויף אזא אפענע וועג, איז פאר די סיבה, עס זאל אונז שטענדיג דערמאנען, אז ער האט אונז אויסגעוועלט אלס זיינע מענטשן, "**ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם**", "איר זאלט מאכן פאר מיר א הייליגע וואוינונג און איך וועל רוען צווישן זיי".

אבער מער פון דעם, נישט נאר צו ווייזן אז השי"ת וואוינט צווישן אונז, עס איז צו ווייזן אונזער אחריות צו השי"ת אז מיר וואוינען כסדר נעבן אים, און אינזין האבן אין השי"ת'ס אינטערעסן, עס מיינט, קיינמאל נישט מפסיק זיין פון דינען דעם אייבירשטער. ער ברויך נישט די אנדערע פעלקער זאלן אים דינען, **שהם משתחוים להבל וריק, זיי ביקן זיך צו נארישע און ליידיגע זאכן**, ער האט קיין שום אינטערעס אין די ליידיגע אויפפירונג פון די גוים, ער האט אויסגעוועלט צו וואוינען אין כלל ישראל'ס געזעלשאפט ווייל ער האט ליב יעדן איד און איז גרייט אויסצוהערן יעדע איד אין סיי וועלכע שטאפל ער איז, ווייל עס איז דאס עבודת ה' פון זיינע מענטשן וואס דאס איז די ציל פון די וועלט.

דערפאר ווען מען האט געמאכט די משכן איז עס געווען א גרעסערע אויפטו פון סיי וועלכע זאך, נאך גרעסער פון די גאנצע באשאפונג פון די וועלט. און דאס איז ווייל די גאנצע בריאה איז אין אמת'ן גארנישט קיין ממשות. די שטערנס, די ים'ען און שטעט מיינט גארנישט, עס איז נאר א איבערצייגונג און אינסטרומענטן צו דינען דעם אייבירשטן. קומט אויס אז די משכן, די פלאץ פון די עבודה איז **"קדוש"** און ריין נאר פאר הקב"ה. ס'איז געווען דאס פלאץ וואס מען האט געוויסט אז ווען מען גייט אריין אהין, איז דאס די הויז פונעם מלך מלכי המלכים אליין!

דאס באשאפונג פון הימל און ערד איז געווען קודם, נישט ווייל דאס איז וויכטיגער, נאר ווייל דאס איז צו באשיינען די סצענע פאר'ן עקזיסטענץ פאר די אידישע קינדער. דאס אויפבלי פון אלעם אויף דער וועלט, איז נאר פאר די וואס דינען השי"ת. דאס זאגט די גמרא **גדולים מעשה צדיקים יותר ממעשה שמים וארץ** (כתובות ה'.) - די משכן איז א געוואלדיגע אויפטו, נאכמער ווי די וועלט באשאפונג ווייל דאס איז תכלית פון די בריאה.

עס איז זייער וויכטיג צו באמערקן אז דער משכן איז נישט געווען דאס ערשטע הויז וואס איז געבויעט געווארן בלויז פאר השי"ת. עס איז נישט געווען כביכול'ס ערשטע רוה פלאץ, ווי אלעס איז געטון געווארן אין השי"ת אנוועזנהייט. דאס ערשטע איז געווען די געצעלט פון אברהם און שרה. מיר זאלן נישט מיינען אז דאס איז געווען א פאלאץ. ניטאמאל א דירה. בלויז א געצעלט! אבער די געצעלט איז געווארן דאס רוה פלאץ פאר די שכינה. זיי האבן מיט דאס גרעסטע מאס

עבודה געבויעט זייער משכן אזוי הערליך, אז השי"ת האט פארקוקט אלע באקוועמליכקייטן פון די וועלט און זיך ארייגעצויגן אין זייער וואוינונג. עס זענען נישט געווען קיין דאך און קיין שום פלאָרס. עס איז געווען גענוג קליין צו קענען צאמלייגן און ארויפלייגן אויפ'ן קעמל צו פארן ווייטער צו א צווייטע פלאץ. אבער דורכדעם, וואס אברהם און שרה האבן זיך אויפגעפירט אזוי נאבעל, האבן זיי דערגרייכט, און זייער קליינע געצעלט איז פארוואנדלט געווארן צו דער ערשטער משכן.

קענען מיר פרעגן: וואס איז געווען דער גרויסקייט פון זייער שטוב אז עס איז א מוסטער פאר דורות? ס'איז א פשוט'ע ענטפער. ווייל אברהם און שרה האבן אלעמאל אינזין געהאט השי"ת, סיי וואס זיי האבן געטון, דערפאר האט השי"ת דארט געוואוינט. יעדע מעשה איז געטון געווארן נאר פאר ה' און נאר פאר אים אליין. וואס זיי האבן געטון אין גשמיות איז געווען רוחניות. ווען שרה האט געבאקן ברויט האט זי נישט נאר געבאקן זי האט אנגעגרייט **מנחות**. זי האט געבאקן דעם קרבן מנחה. זי האט געהאט הונדערטער משרתים, אבער זי האט אליין צוגעגרייט, דאס עסן פאר די פארבייגייערס. זי האט זיך געשפירט באגליקט דאס צו טון ווייל דאס איז פאר השי"ת. זי האט דאס געטון מיט אירע אייגענע צוויי הענט. "ס'איז א גרעסערע מצוה צו טון די מצוות אליין ווי דורך א שליח". (קידושין מא.). און שרה האט פארשטאנען אז אפילו אין די פריוואטקייט פון איר אייגענע געצעלט שטייט זי אייביג פאר השי"ת, און וועגן דעם, יעדע זאך וואס איז געטון געווארן און איר געצעלט איז געטון געווארן אים צו דינען.

## א אידישע הויז א משכן

**יעצט** וועלן מיר צוקומען צום פונקט פון היינט נאכט, מיר האבן נישט דעם משכן פון דור המדבר. מיר האבן נישט קיין ביהמ"ק ווי מיר זענען עולה רגל 3 מאל א יאר. אבער וואס מיר האבן יא איז גרעסערע געלעגנהייטן ווי באזוכן אין ביהמ"ק, ווייל מיר האבן אונזער אייגענע ווינקל אין אונזער שטוב ווי מיר קענען אויפארבעטן פון אונזער אייגענע ווילן אויפצושטעלן אזא בית ווי אברהם און שרה. דערפאר איז ווערד צו חזר'ן גרונטליך וואס האט זיך אפגעשפילט דארט, דאס וועט זיין א ריכטיגע געווינס. זייער הויז איז געווען די אמת'ע ביישפיל פון א ביהמ"ק, דערפאר זאל זייער הויז זיין א ביישפיל פאר אונזער פריוואטע משכן.

איידער מיר באשליסן צי טוען סיי וועלכע גוטע אויפטואונגען פון דער גרויסע נאבעלע שטוב מוזן מיר נאכגיין די וועג פון אברהם און שרה, וואס זיי זענען געווען גרייט אויסצורייסן יעדע שלעכטע השפעה פון זייער הויז סור מרע ועשה טוב "קודם קער זיך אוועק פון שלעכטס און דערנאך טו גוטס". די גרונד פון א שטוב ווענדט זיך צום ערשט וואס עס קומט אריין, און דאס האט שרה גוט געוויסט. עס איז איר אחריות אין דעם, דאס איז איר עבודת השם.

יעדער פון שרה'ס שטוב האט געמוזט זיין הייליג. אלעס האט געדארפט זיין פון בלויז ריינע מאטריאל. אויף שרה זאגט מען דעם פסוק פון אשת חיל, **צופיה הליכות ביתה** - "זי גיבט אכט און קוקט זיך אום וואס עס טוט זיך אין איר שטוב". (משלי). כסדר קוקט זי אויב יעדער פירט זיך אויף ווי עס פאסט פאר אזא שטוב. פונקט ווי דער משגיח וואס פאסט אויף, אויף יעדע קלייניגקייט מיט זיין געניטע אויג, טאמער איינער פארברענגט זיין צייט, אדער איינער פאר'חלומ'ט זיך. עס

שטייט: **ותרא שרה - את ישמעאל - מצחק** - און שרה זעהט אז ישמעאל לאכט (בראשית). א מושב לצים אין מיין שטוב??? אז איינער זוכט דא צו מאכן לצנות וועה ווייסט וואס נאך קען געשען?

אין שרה'ס שטוב האט יעדער געהאט הדרת קודש, פאר א שטוב צי זיין א משכן דארף מען כסדר זיין אויפמערקזאם אז השי"ת שטייט פאר דיר. ס'האט געהערשט א הייליגקייט אין די געצעלט. וואלטן מיר געקענט פארשטיין אז מסתמא איז דאס נישט געווען אזא איינגענעמע שטוב צו זיין. אבער פאר העכערע מענטשן איז דאס געווען זייער ציל. אזא געזעלשאפט האבן זיי געשטרעבט, ווייל זיי האבן פארשטאנען דאס ציל פון לעבן. זיי האבן געגארט פאר אזא אטמאספער ווייל אזוי קען מען דינען דעם אייבערשטן באמנות. דאס האבן זיי ליב.

ווען שרה האט געזעהן ישמעאל לאכן און מאכן וויצן האט זי זאפארט געטון צו די זאך. קען זיין עס איז געקומען תמימות'דיגערהייט אבער פאר אזא נאבעלע שטוב איז נישטא קיין פלאץ פאר דעם, דערפאר האט זי געזאגט פאר אברהם אז ישמעאל קען נישט פארבלייבן דא מער. זי איז איבערראשט וואס זי האט געזען. זיי האבן פיל יאר געארבעט אריינצולייגן יראת שמים אין דעם שטוב און יעצט אזא אויפפירונג? ס'איז אזוי ווי א פארשטעלטער וואלט אריינגעקומען אין שול טאנצן אויף סתם א שבת אדער וואכנטאג בשעת מענטשן דאווענען און לערנען. מענטשן וואלטן געווארן אויפגעברויזט. א חוצפה! צו טון אין אונזער מקדש מעט אזא זאך! דערפאר ווען שרה האט געזען אז אין איר ביהמ"ק לאכט מען ארום? האט זי געזאגט פאר אברהם, און השי"ת האט איר געגעבן גערעכט פאר אירע ווערטער. ער האט צוגעשטימט דערצו. און אזוי האבן אברהם און שרה על פי ה' ערפילט די ווערטער פון שלמה המלך "ארויס מיט'ן לץ" (משלי). אזוי האבן זיי זוכה געווען צו בויען זייער הייליגטום פאר השי"ת.

## דאס אויסזעהן פון א אידישע שטוב מיט טעכנעלאגיע

**דאס** אויסנאם שלעכטע השפעות וואס רואינירט אונזערע שטיבער פון די אינדרויסנדיגע וועלט ווארנט צו דערטרונקען אפילו די בעסטע שווימערס. די נארישע טעלעוויזיע איז איינע פון די ערגסטע פון אלע פארשוועמונגען. ס'איז נישט דא גענוג ווערטער צו ווארענען די שעדליכקייט פון די זאך וואס וויל דערטרינקען די שטיבער. לאמיר זיך פארשטעלן דער גרויסער טאג ווען ענדליך קענען מיר מאכן דעם וועג צום בהמ"ק צו זען די גרויסקייט פון די הויז ווי השי"ת רוהט! דו מאכסט דעם וועג פול מיט יראה און כבוד צום אהל מועד צו זען ווי אזוי מ'דינט דעם אייבירשטן. דו גיבסט א בליק אריין אין די עזרה און מען זעט ווי כהנים זיצן אויף די **סאפע** אויסגעשפרייט און זייערע אויגן צוגעקלעבט צו די כלי און קוקן זיך אן ווי גוים שפילן אויס זייערע לצ'נישע זאכן. נארישע נארישקייטן! - און דאס קוקן צו, די קנעכט פונעם אויבירשטן? אין דאס הייליגסטע פלאץ, דאס הויז ווי מ'דארף טון די עבודה - דארט זיצט מען מיט'ן אפנעמם מויל און מ'לאכט מיט לצנות?

די זעלבע זעהט הקב"ה אלעס וואס שפילט זיך אפ אין דיין הויז. מ'קען שמייכלען ווען מען שטעלט זיך פאר א משכן מיט א **טעלעוויזיע** אדער סיי וועלכע **טעכנאלאגיע** וואס זעהט אויס ענדליך. דיין הויז איז א **משכן**! אונזערע שטיבער דארפן זיין א אפשפיגלונג פונעם געצעלט פון אברהם און שרה, וואס זייער מקדש איז געווען דער מוסטער פאר די קומענדיגע דורות, און א

מוסטער פאר אונזערע שטיבער!!!

## אויסרייניגן דאס הויז פון שמיץ

**עס** שטייט אין די תורה - לא תביא תועבה אל ביתך "זאלסט נישט אריינברענגען קיין געטשקע אין דיין הויז" דאס מוז יעדער איד אויספירן אין זיין שטוב. פשוט פשט מיינט דאס נישט צו האבן קיין עבודה זרה, א זאך וואס איז א פארעם פון א פנים. **אבער** עס איז דא צייטונגען און ליין מאטריאל וואס איז נאך ערגער פון סיי וועלכע געטשקע, אויך איז פארהאן זאכען מיט ווערטער פון ליצנות דאס איז נאך דאס ערגסטע! מאגאזינען און ביכער פון לייברערי זענען מסוכן פאר א אידישע שטוב! די וואס ווילן בויען א הייליג הויז און נישט א הויז פון חיות, מוזן זיך האלטן פעסט אויף דעם פונקט!

איינמאל אונזער הויז איז אפגעהיטען פון אלע אומגעוואונטשענע זאכן פון דרויסענדיגע השפעות, איז דאס הויז פעסט צי בויען א משכן להשם. אין די געצעלט פון אברהם און שרה איז דער נאמען פון אויבערשטען שטענדיג געווען אין זייער מח און אויף די ליפן. ויקרא אברם בשם ה' און ער האט אויסגערופען דעם נאמען פון אייבערשטען דאס איז אן עיקר זאך וואס מ'מוז לערנען דאס גאנצע הויזגעזינד אז דער נאמען פון השי"ת זאל שטענדיג זיין צווישן אונז. **אלה ברכב ואלה בסוסים ואנחנו בשם ה' אלוקינו נזכיר.**

פון ווי נעמען מיר אונזער כח? פון דעם נאמען פון השי"ת, אונזער באשעפער וואס מיר געדענקען אים שטענדיג. כסדר זאלן עלטערן זאגן "מיט השי"ת ווילן וועלן מיר טוען" און "א דאנק השי"ת מיר האבן דאס געקענט טוען!". אלעס זאל זיך דרייען ארום השי"ת וויל ס'איז באמת אזוי! פון אלע נעמען פון די שטוב זאל דאס זיין דער עיקר נאמען, קלאר און דייטליך. די עלטערן דארפן זיין א מוסטער דערפון!

## שמחה אין די אייגענע שטוב

**קינדער** זאלן וויסן אז דאס גרעסטע מאס ציפרידנקייט און שמחה קען מען טרעפן אין די אייגענע שטוב, און נישט אינדרויסן אויף די גאס. די משפחות וואס בויען א פעסטע שטוב, זיי זענען ווייט נישט אינטערעסירט נאכצוגיין די הייינטיגע וואס האבן זיך ליב צי דרייען אין "האטעלן" אדער רעסטאראנטן וואס דאס איז ריכטיג חוקת הגוי, די קינדער ברויכן אפילו נישט די טייערע שפילצייגן אדער טאשן געלט צו אויסברענגען. די קינדער ווייסן קלאר אז מען לעבט אין שטוב צוזאמען מיט די משפחה ביז מען בויעט אויף אן אייגענע. זיי ברויכן נישט קיין טייערע בר מצוה אדער חתונה, דאס באדייט פון תכלית, איז זייער ציל, און דאס איז עבודת השם.

**און** שרה איז געווען די אשת חיל וואס האט שטענדיג מקיים געוועהן דעם **צופי-ה הליכות ביתה** - אכטונג געגעבן אז אין איר הויז זאל מען אלעס דורך פירן על פי ה'. און דערפאר שטייט **"עוז והדר לבושה"** זי איז אנגעטון אין שטארקייט און שיינקייט" דאס מיינט נישט טייער און באצאלט דערפאר, זי איז אנגעטון מיט א נצחיות'דיגע פראכט! א שיינקייט און שטארקייט וואס בלייבט אויף שטענדיג!.

## צו באשטעלן ביי אונז קונטרסים גליונות פאר:

שבת באווארפן / שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די תפילות, קריאת התורה,
זמירות און ברהמ"ז

**לויט אייער פארלאנג,**

פארבינדט אייך מיט אונז ווי פריער אין וואך


**615.680.9029**

gilyonosshabbos@gmail.com


**ליינט די גליון יעדע וואך אין די קונטרס "גליונות לשב"ק",**



# איר ווילט אוודאי ארייננגיסן חיות אין הונדערטער מענטשן

מיט אביסל געלט

# רופט ארייין צו אויסקלויבן אייער וואך

845-213-7571

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן


## נדבת השבוע
## פ׳ תרומה

**נתנדב לע״נ שמואל מאיר בן בנימין ע״ה**

**ולע״נ רייזל בת ישעיהו הלוי ע״ה**

# שווער מיינט נישט אומעגליך

## שאלה:

**דער רב האט גערעדט אז ס'איז א חיוב צו טראכטן פון השי"ת צו אלע צייט. פיל פון אונז דא האבן נישט אזעלכע השגות, ווי אזוי קענען מיר דערגרייכן אזא שווערע זאך?**

## תשובה:

**דער** מענטש זאגט, אז ס'איז א שווערע זאך. דער פאקט אז עפעס איז שווער מיינט נישט אז ס'איז אוממעגליך. מ'דארף עס פראקטיצירן. מ'דארף דאס כסדר פרובירן צו טון און ווי מער מען פרובירט אלץ שנעלער וועט מען אנקומען און ס'וועט גרינגער ווערן. ס'איז שווער אין אנהייב, אבער איינמאל מען הייבט אן ווערט עס לייכטער.

**די** תורה איז געגעבן געווארן פאר יעדן - אפילו פאר די נידריגע מענטשן, די סארט מענטשן, אויב זיי מאכן דורך דאס לעבן און זיי פארגעסן פון הקב"ה אמאל, ווערט עס נישט פאררעכנט פאר זיי קיין חטא אבער מענטשן וואס זענען בעסער דארפן אויסברייטן די עבודה אין אלעס וואס זיי טוען. דערפאר שטייט **ואהבת את ה' אלוקיך** און דאס האט אפאר שטאפלען.

**לאמיר** זאגן א פשוט'ע מענטש וואס ארבעט מיט שווערע ארבעט, ער ווייסט פון גארנישט, ער קומט אהיים און ער האט ליב דעם אייבערשטן אביסל אין דערנאך פארגעסט ער פון אים. האט ער געטון א מצוה, ער האט אביסל געטראכט פון השי"ת. כאטשיג ווען ער זאגט די ווערטער ואהבת את... זאל ער פרובירן ליב צו האבן השי"ת, אבער אז דו ביסט אויף א גרעסערע מדריגה וועסטו מער שעצן השי"ת, אויב דו ביסט אויף גאר א גרויסע מדריגה וועסטו טראכטן פון אים א גאנצן טאג. ס'איז אלו דברים שאין להם שיעור ס'איז איינע פון די זאכן וואס האט נישט קיין גרעניץ, די פאקט אז ס'קען זיין זייער שווער אין אנהייב איז נישט קיין תירוץ צו דערגרייכן צו א גרויסע מדריגה!

שאלות און תשובות

מיט

ר' אביגדור מיללער זצ"ל

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי

כל הזכיות שמורות

בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"